# עולת שבת בשבתו

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת וישלח | כיתה ח' ט' תשס"ט לפ"ק


## מילי דחסידותא

**וישלח יעקב מלאכים:** ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א האט גערעדט פאר די תלמידי הת"ת (במעמד הנחת תפילין לנכדו הרב חיים צבי אשכנזי שליט"א, עש"ק וישלח תשס"ב) האט ער געטייטשט מיט די ווערטער פונעם הייליגן **קדושת יו"ט** אז פון יעדע מצוה וואס א איד טוט ווערט באשאפן א מלאך, א מליץ יושר. יעקב אבינו האט געשיקט די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון זיינע מצוות. וועלכן מלאך פון וועלכע מצוה האט יעקב אבינו געשיקט?

מ'קען זאגן אז ער האט געשיקט דעם מלאך וואס איז באשאפן געווארן פון **תפילין של ראש.** ווייל עס שטייט אין פסוק **"וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך"**, אלע גויים וועלן זעהן אז דעם אויבערשטנס נאמען איז אויף דיר,ווען זיי מורא האבן פון דיר, דרש'נט אויף דעם די גמרא, אז דאס מיינט די תפילין של ראש **"ויראו ממך"** וועט מען מורא האבן פון דיר.

האט יעקב אבינו געשיקט די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון די תפילין של ראש, ווייל עס איז **"שם ה' נקרא עליך"** וועגן דעם **"ויראו ממך"** וועלן עשו מיט זיינע מענטשן מורא האבן פון אים. און אזוי איז טאקע געווען, נאכדעם וואס יעקב אבינו האט מתפלל געווען האט ער אויסגע'פועל'ט אז עשו האט אים נישט געקענט טוהן קיין שלעכטס.

וועגן דעם שטייט טאקע **וארבע מאות איש עמו**, זאגט דער מדרש אז וארבע מאות איז פיר הונדערט און צוזאמען מיט די דריי ווערטער **"וארבע מאות איש"** איז עס פיר הונדערט און דריי, ת"ג, און אזויפיל אותיות איז דא אין די תפילין.

דאס האט יעקב געשיקט זאגן פאר עשו, דו קומסט קעגן מיר מיט די 400 מענטשן, איך האב אבער תפילין אויפן קאפ וואס האט ת"ג אותיות און דאס איז גורם אז **"וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך"**, מיט דעם האט ער געווארפן א אימה ופחד אויף עשו הרשע.

## דרש דרש

**כי במקלי עברתי את הירדן הזה:** זאגט רש"י **נתן מקלו בירדן ונבקע הירדן**, לכאורה דארף מען פארשטיין ווי דאס קומט יעצט אהער דצו דערמאנען דעם נס ווען יעקב האט מתפלל געווען געראטעוועט צו ווערן פון עשו?

ענטפערט דער **ישמח משה** זי"ע אז יעקב אבינו האט מורא געהאט אז זיינע זכותים זענען געווארן ווייניגער וועגן די גוטס וואס השי"ת האט געטון מיט אים, איי ווער זאגט אז די גוטס וואס השי"ת האט אים געגעבן איז געקומען צוליב זיינע זכותים, אפשר איז דאס געקומען פון די ברכות וואס ער האט באקומען פון יצחק. נאר יעקב האט נאר באקומען די ברכות פון יצחק במעשה, אבער במחשבה האט דאך יצחק געוואלט בענטשן עשו. און אין די גמרא איז די א פלוגתא צי מ'גייט **בתר מעשה** אדער **בתר מחשבה**, קומט אויס אז נאר אויב איך זאג אז מ'גייט **בתר מעשה** האט יעקב באקומען די ברכות, משא"כ אויב מ'גייט **בתר מחשבה** קומט די ברכות פאר עשו.

דער מדרש זאגט אז ביי קריעת ים סוף האט זיך דער ים נישט געוואלט שפאלטן, ער האט גע'טענה'עט אז ער איז עלטער, ווייל ער איז באשאפן געווארן פארן מענטש. דער אמת איז אבער אז דער ים איז נאר באשאפן געווארן פארן מענטש במעשה, אבער במחשבה איז די גאנצע בריאה געווען נאר וועגן דעם מענטש, ממילא אויב גיי איך בתר מחשבה, דארף זיך דער ים יא שפאלטן.

דאס האט יעקב אבינו געזאגט, **קטנתי**, איך האב מורא אז מיינע זכותים זענען געווארן

## מעשה רב

### דאס חשיבות פון חדר יונגלעך...

**דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט אמאל געזעהן א מורא'דיגן חלום, ווי אין די מתיבתא דרקיע טייטשט מען דעם פסוק וישלח יעקב וגו' אויף מערערע אופנים. און נאכדעם האט דער הייליגער ראפשיצער רב איבער געזאגט עטליכע אופנים וואס ער האט געהערט אין הימל ביים טיש. זאגענדיג אז באמת האט ער געהערט פיל מער פירושים אבער נישט אלעס מעג ער אויסזאגן, און א חלק האט ער שוין פארגעסן.**

**צווישן די תורות האט דער ראפשיצער רב נאכגעזאגט איינע פון די טייטשן אזוי: דאס ווארט וישלח ווערט צוטיילט אין צוויי ווערטער, די אותיות ו' ווייזן אויף עצבות וואס דאס איז זייער נישט גוט, דאס מיינט דער פסוק "וישלח" ו' שלח שיק אוועק דאס עצבות און צוטראגענקייט, יעקב איז א לשון פון עקב דאס מיינט אז יעדער מענטש זאל קוקן וואס וועט זיין צום סוף, ווען עס וועט קומען די צייט אפצוגעבן דין וחשבון פארן אייבערשטן, און דאס ווארט מלאכים ווערט אויך צוטיילט אין צוויי ווערטער מל איז א לשון פון דיבור, רעדן, און די אותיות אכים ווייזט אויף אך וואס איז א מיעוט, קומט דאס ווארט מלאכים מרמז זיין אז מען זאל רעדן ווייניג.**

**דאס ווארט לפניו צייגט אויף די מחשבה, און איז אויך א לשון פון קודם ווייל די מחשבה איז פריער פון יעדע זאך, עשו צייגט אויף א לשון פון א מעשה, דאס מיינט לפניו אל עשו אז פאר יעדע מעשה וואס א מענטשט טוט זאל ער זיך איבערטראכטן צו ער זאל טון די זאך צו נישט, ווייל אויב איז דאס קעגן דעם רצון ה' זאל ער דאס נישט טון. דאס ווארט אחיו ווייזט אויף אחוה, ברודערשאפט, אז ער זאל ליב האבן יעדן איד אזוי ווי אן אייגענער ברודער.**

וויינגער, **כי במקלי עברתי את הירדן הזה**, און דער ים האט זיך געשפאלטן פאר מיר, קומט דאך אויס אז איך גיי **בתר מחשבה**, אויב אזוי באלאנגט די ברכות פאר עשו, און אלע גוטס וואס איך האב איז מכח מיינע זכותים, וועגן דעם בעט איך דיר **הצילני נא מיד אחי מיד עשו.**

*

**ויקרא לו א-ל אלקי ישראל:** זאגט רש"י **לא שהמזבח קרוי אלקי ישראל, אלא ע"ש שהי' הקב"ה עמו והצילו קרא שם המזבח ע"ש הנס, ורבותינו דרשו שהקב"ה קראו ליעקב קל, ודברי תורה כפטיש יפוצץ סלע.** לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס ברענגט רש"י סיי דעם דרש און סיי דער פשט, און נאכדעם איז רש"י דוחה דעם דרש.

זאגט דער הייליגער **בני יששכר** לויט די גמרא (ר"ה דף י"ז ע"ב), אז הקב"ה האט זיך אנגעטון מיט א טלית און געזאגט דעם סדר פון די י"ג מידות, און געזאגט **כל זמן שיעשו ישראל לפני כסדר הזה אני מוחל להם**, איז די שאלה וואס מיינט 'יעשו', צי מיינט עס אז די אידן דארפן זיך פירן מיט די מידות פונעם אייבערשטן, אדער מיינט דאס נאר אז מ'דארף זאגן די י"ג מידות מיטן מויל.

זאגט דער **הפלאה זלה"ה** (פנים יפות תשא) אז דאס וואס די ערשטע מידה פון די י"ג מידות איז "קל", דאס צייגט אז מ'דארף נישט טון די י"ג מידות, ווייל א מענטש קען דאך נישט זיין אין א בחינה פון **קל**, ממילא קומט אויס אז אפילו די אנדערע מידות פון רחום וחנון וכו' וואס א מענטש קען יא טון, מיינט נישט אז מ'דארף עס טון, נאר עס איז גענוג מיטן זאגן.

ער טייטשט מיט דעם וואס מ'זאגט ביי תחנון **"א-ל"** דאס איז די ערשטע מידה פון די י"ג מידות של רחמים, **"הורית לנו לומר שלש עשרה"**, דאס האט אונז געלערנט אז עס איז גענוג צו זאגן די י"ג מידות און מ'דארף דאס נישט טון.

זאגט דער **בני יששכר** אז דאס אלעס איז אבער נאר אויסגעהאלטן אויב וועל איך זאגן ביי יעקב אבינו אז **ויקרא לו ק-ל** אזוי ווי רש"י זאגט אז ער האט אנגערופן דעם מזבח על שם הנס, אבער לויט חכמינו ז"ל וואס טייטשן אז דער רבש"ע האט גערופן יעקב אבינו א-ל, קומט דאך אויס אז א מענטש קען יא ווערן אנגערופן א-ל, מילא קומט אויס אז **יעשו לפני** מיינט יא אז מ'זאל בפועל טון די י"ג מידות, און מיטן זאגן אליין איז מען נישט יוצא.

מיר ווייסן אז אזוי לאנג ווי מ'פסק'עט נישט אפ ביים בי"ד של מטה פסק'עט מען נישט אזוי ביים בי"ד של מעלה ווייל תורה לא בשמים היא, וועגן דעם האט רש"י בדורו אפגע'פסק'עט אז דער פשט אין פסוק איז נישט ווי רבותינו אז **הקב"ה קראו ליעקב א-ל**, און לויט דעם קען טאקע א מענטש נישט זיין בבחינת קל, נאר שקרא את המזבח על שם הנס, ממילא מיינט יעשו אז מ'זאל זאגן די י"ג מידות של רחמים, און דער רבש"ע וועט אונז מוחל זיין אונזערע עבירות דורכן זאגן די י"ג מידות.

## יגעת ומצאת!

די וואך וועלן מיר צוריק גיין צו די ערשטע תקופה פון בריאת העולם, און די תקופה פון אונזערע אבות הקדושים, דער גרעסטער טייל פון אט די שאלות געפונען זיך די תשובות אין די סדרות וואס מיר האבן געלערנט במשך די פארגאנגענע וואכן בס"ד, און די תלמידים וואס האבן גרינטליך געלערנט חומש רש"י וועלן זיכער קענען לייכטערהייט ענטפערן אויף די שאלות.

**ווען איז געווען? אין וועלכע תקופה איז געשעהן? ווען איז נסתלק געווארן?**

**אברהם אבינו– יצחק אבינו– יעקב אבינו – ישמעאל בן אברהם – רבקה אמנו – דור הפלגה – ברית בין הבתרים – עקידת יצחק – ברכת יצחק – חתונת יעקב – הולדת יוסף הצדיק**

*

## ראשי תיבות

**ווי אזוי מאכט דאס ווארט** (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות ו')...

וצ"ע, וא"ת, וא"ש, ודפח"ח, ונלפענ"ד, ובלצ"ג, וי"א, וד"ל, ואכמ"ל, ועזבאעה"ח

האט דער הייליגער ראפשיצער רב ווייטער געזאגט אז נאכדעם וואס ער האט געהערט די אלע טייטשן בדרך רמז וסוד, האט מען געברענגט א קינד, און מען האט אים געהייסן זאגן דעם פשט אין דעם פסוק, האט דאס קינד אנגעהויבן צו זאגן דעם פשוט'ן טייטש אין חומש אזוי ווי מען לערנט אין חדר יעדעס ווארט עקסטער אפגעטיילט, וישלח, און ער האט געשיקט, יעקב, דער יעקב, מלאכים, ענגיל באטין, און אזוי ווייטער דער גאנצער פסוק.

האט דער הייליגער ראפשיצער רב געזאגט אז ער האט געהערט ווי מען האט אין הימל גאר שטארק אויסגערימט דעם פשט וואס דער יונגל האט געזאגט.

## מילי דרמיזא

**וישלח יעקב מלאכים אל עשו אחיו ארצה שעיר שדה אדום:**

דער חתם סופר זי"ע זאגן אז די 3 לשונות, עשו אחיו, ארצה שעיר, שדה אדום, איז מרומז קעגן דורן, תפילה, און מלחמה. פארוואס?

מיר געפונען 3 בחינות אין עשו, די קלענסטע בחינה איז אחיך, ווי ס'שטייט לא תתעב אדומי כי אחיך הוא, און ווי מיר זעהן אז רבי און אנטונינוס האבן געלעבט ווי ברודער, און דעמאלטס קומט זיך אים א דורן.

די 2'טע בחינה איז די בחינה פון שעיר, וואס איז בגי' אזוי ווי די צוויי שמות פון די קליפה ס"מ מיט לילי"ת צוזאמען, וואס דאן איז נישט גענוג קיין דורן קעגן די קליפה, נאר מ'מוז שוין האבן קעגן דעם א כח התפילה.

די ארגסטע איז ווען די קליפה ווערט ח"ו אזוי שטארק אין א בחינה פון סמא"ל וואס צוזאמען מיט די קליפה לילי"ת איז בגימטריא 611 אזוי ווי אדום, ווייל אדום, ווען מ'רעכענט די ב' פאר 600 דעמאלטס באטרעפט דאס אויך 611, דעמאלטס איז דער שטארקסטער כח פון די קליפה, וואס דאן העלפט שוין נישט קיין תפילה, ווי אדו"ם איז ר"ת א'ין ד'ורש ו'אין מ'בקש, און נאר א מלחמה מיט מסי"נ קען מנצח זיין.

*

**על כן לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה:**

ד' צומות רמוזים במילת גיד, ואמר על כן לא יאכלו בני ישראל אלא מתענין את א'ב ת'שעה, גיד ר"ת ג' ד'תשרי י' בטבת, גי"ד בגי' י"ז היינו י"ז בתמוז, ואותיות הנשה הוא כמו השנה, לרמז כי באלו הימים לא יאכלו בני ישראל. (שפתי כהן)